# <u>פרשת במדבר - נשא כ"ח אייר - י"ב סיון תשפ"ב לפ"ק</u>

***<u>יום ראשון פרשת במדבר</u>***

בשעות לפני הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל החומש סעודה, לילדי התלמוד תורה בבארא פארק, שהתקיים בבית מדרשנו ברכת אברהם. המנהל הרב משה **יואל גערטנער** שליט"א פתח את המסיבה. אחר דרשת **הרה"ג רבי יהושע שליט"א** ראה"כ דקהלתנו בב"פ, נתכבד **רבינו שליט"א** לישא מדברותיו. בסיום המעמד עברו הילדים לקבל תהלים מידו של **רבינו שליט"א**.

***<u>וזה תוכן הדברי תורה:</u>***

**איך** וויל באגריסן די חשובע עלטערן און זיידעס און עלטער זיידעס, וואס געפונען זיך דא ביי די חומש סעודה, פון די קינדער און אייניקלעך און אור אייניקלעך. עס איז ביי אונז אויך א פריוואטע שמחה, פון אן אייניקל דא אין די כתה (בן **הרה"ג רבי יהושע שליט"א**). א מזל טוב פאר מיין חשובען מחותן [הגה"צ ראש ישיבת מונקאטש שליט"א] זאל זיין געזונט. מיר זאלן אלע זעהן אסאך יודיש נחת.

**איך** האב געטראכט אזוי, אז אייביג קומט אויס די חומש סעודות אין חודש סיון, טעג וואס מיר אלע האבן פארלוירן אונזערע עלטערן, זיידעס, און עלטער זיידעס. אב הרחמים זאגט מען אויך שבת מברכים אין די זמנים. מען איז זיך מתבונן אויפן חסד ה', ווי אזוי עס האט אויסגעקוקט דעמאלטס, עתידה תורה שתשתכח מישראל, מען האט אוועקגענומען די שענסטע און די בעסטע פון כלל ישראל. שטובער זענען צובראכן געווארן, קהילות זענען חרוב געגאנגען, מען האט איבערגעלאזט גאנצע מדינות, און געקומען אויף א נייע פלאץ, אנגעהויבן צו בויען פון אנפאנג, עס איז דאך גארנישט געווען. מען האט אנגעהויבן אויפצושטעלן שטובער, פרנסות, קינדערלעך, תלמוד תורה'ס, ישיבות. און מען זעהט די ברכה וואס דער אייבערשטער האט אונז געזאגט (דברים לא-כא), כי לא תשכח מפי זרעו. מען זיצט שוין דא אזויפיל יארן אין דעם אמעריקא, און ב"ה יודישקייט בליהט! יודישקייט איז נאך קיינמאל נישט געווען אזוי שיין, וואו עס קוקט אויס היינט. אלע קינדער גייען אין תלמוד תורה, און מען שטעלט צו ישיבות פאר יעדן איינעם, און מען זוכט חתונה צו האבן מיט בני תורה, וואס איז אמאל נישט געווען. מען דארף אפגעבן א עקסטערן שבח והודאה פארן אייבערשטען, אז נאך אזא גרויסן חורבן, קען מען זיצן און זיך פרייען, אז מען זעהט ווי אזוי קינדער און אייניקלעך ווערן ווייטער נתחנך על דרכי התורה.

**מען** זעהט די וואך אין די פרשה, אז די תורה רעכנט אויס יעדן שבט, ווי גרויס ער איז געווען. די וועלט זאגט נאך פונעם **חפץ חיים**, אז מען זעהט, אז בנימין האט געהאט צען קינדער. און בנימין'ס שבט איז נישט געווען מער ווי פינף און דרייסיג טויזענט. אנדערע שבטים זענען געווען אסאך און אסאך מער פון זייער צאל. דן האט געהאט איין קינד, ובני דן חושים (בראשית מו-כג), און ער איז אויך נישט געווען דער גראטענסטער קינד. און פון דן איז ארויסגעוואקסן א משפחה פון איבער צוויי און זעכציג טויזענט! נישט אייביג איז עס תלוי אין וויפיל קינדער מען האט. קען עס אמאל זיין פון א קליינע משפחה, אדער א שוואך קינד וואס מען האט, אבער שפעטער ווען עס גייט אדורך יארן, און פון דעם קינד זעהט מען נאך די מערסטע נחת, מער ווי מען זעהט פון אנדערע.

**דער** גרעסטער חידוש איז, אז די בני לוי האבן געהאט די ווייניגסטע פון אלע. צוויי און צוואנציג טויזנט איז געווען דער מספר פון די בני לוי. דער הייליגער **רמב"ן** זאגט, אז דער טעם דערפון איז, ווייל יודען האבן מיטגעמאכט דעם שיעבוד אין מצרים, און זיי האבן געהאט א ברכה פונעם אייבערשטען. די מצריים האבן געזאגט, הבה נתחכמה לו פן ירבה (שמות א-י), און דער אייבערשטער האט געזאגט (שם א-יב) כן ירבה וכן יפרוץ. די בני לוי זענען נישט געווען אינעם שיעבוד, האבן זיי נישט געהאט די ברכה פונעם אייבערשטען כן ירבה וכן יפרוץ, זענען זיי געווען די קלענסטע פון אלע שבטים.

**דער** לימוד מוסר השכל דערפון איז, אז אמאל קוקט אויס בדרך הטבע, אז יודען זענען אין מצרים, און כלל ישראל ווערט פארלוירן דארט. ווער קען זיך שטעלן אקעגן די מצריים, און וואס פאר א קינדער קענען שוין ארויסוואקסן דארט, און אזוי ווייטער. נאר די בני לוי, זיי זענען געזעסן אין בית המדרש, זיי

האבן נישט געהאט דעם שיעבוד, פון זיי וועט ארויסוואקסן די מערסטע וואס כלל ישראל האט. - עס איז נישט אזוי, ווייל דארט ווי עס קומט א ציווי פונעם אייבערשטען, קען מען נישט דערלייגן דערויף. דער באשעפער האט געוואלט מען זאל זיין אין גלות אין מצרים, און עס קען זיין הבה נתחכמה לו פן ירבה, און פון דעסטוועגן דאך איז דא א ברכה פונעם אייבערשטען, כן ירבה וכן יפרוץ, וואס גייט מיט אין יעדן זמן, און די אנדערע שבטים זענען געווען די מערסטע.

**אמאל** קוקט אויס, א יוד דארף האלטן די תורה, און עס מאכט זיך אים שוועריקייטן, ער וועט דערלייגן. און לויט די חשבונות פונעם מענטש, איז אים נישט כדאי, און ער איז אסאך מאל מוותר אויף א זאך וואס ער האט געדארפט צו טון. די פרשה לערנט אונז, אז ווען מען טוט וואס דער אייבערשטער וויל, אפילו ווען בדרך הטבע קוקט עס אויס, אז די מצריים וועלן שולט זיין אויף אונז, איז דא א ברכה פון כן ירבה וכן יפרוץ.

*

**מען** האט דאך קינדער, און מען דארף זיי מחנך זיין. מען שיקט זיי אין חדר, און מען גיט זיך טאקע אפ היינט אין אלע חדרים מיט די קינדער וואס עס פעלט אויס זיי מחנך צו זיין. מען פרובירט צוצוגעבן די בעסטע און די שענסטע. - לעניינינו, רבי מרדכי יונה לייגט אריין געוואלדיגע כוחות אין די קינדער. עס איז צו באוואונדערן ווי יעדעס קינד פאר זיך אליין וואקסט אויס אזוי שיין. מען טוט פאר די קינדער וואס מען קען. - אבער מען דארף וויסן, אז חינוך איז נישט נאר פונעם חדר. חינוך פונעם חדר איז גאנץ א קליינער חלק פונעם חינוך. מען לערנט נאר אויס דאס קינד ער זאל קענען לערנען. ווי עלטער ער ווערט, דארף מען נאך מער אריינלייגן דעם דגוש אויף לימוד התורה. אבער ערליכקייט, אהבת ה', יראת ה', מדות טובות, דאס קומט פון די שטוב, דאס לייגן טאטע מאמע אריין. מען דערקענט אויף יעדן קינד, צו די שטוב איז א תורה'דיגע שטוב, צו נישט. ווען די שטוב איז א תורה'דיגע שטוב, און מען ברענגט אייביג ארויס פאר די קינדער די חשיבות פון תורה, דעם אהבת התורה. ווען א קינד קומט אהיים, פארהערט מען אים, און מען ווייזט אז דאס איז מיין גאנצער גליק אז דו קענסט, דאס גיט אריין דעם חשק פאר א קינד. דאס איז א גרויסע חלק פונעם חינוך. און עס איז נישט פונעם חדר, עס איז אין שטוב.

**אונזערע** מאמעס אונזערע באבעס פלעגן זינגען לידעלעך וועגן די חשיבות פון תורה, בשעת מען האט איינגעשלעפט א קינד. מען זאל שטענדיג הערן נאר די ליבשאפט וואס איז דא צו תורה, און דאס גייט אריין אין די רמ"ח אברים. מען דארף אריינגעבן פאר א קינד, די שטוב אליין זאל זיין א געבויטע שטוב אויף אהבת תורה און יראת ה', אז א קינד זאל קענען אויסוואקסן.

**די** תלמוד תורה טוט וואס מען קען, אבער עס קען נישט טון די ארבעט וואס די שטוב דארף טון, עס ליגט אויף די שטוב, וואס די שטוב דארף עס צו געבן. יעדעס קינד איז אנדערש. עס זענען דא קינדער וואס זענען בעלי כשרונות, און קינדער וואס האבן שוואכערע כשרונות, יעדן קינד דארף מען זעהן צו געבן די מערסטע וואס איז שייך פאר דעם קינד. מען דארף נישט בעטן פון א קינד וואס קען נישט צוקומען, בעטן א זאך וואס ער קען נישט צוקומען דערצו. וואס ער קען, זאל ער צושטופן און זיך פרייען מיט דעם וואס ער איז צוגעקומען. און אז מען האט יא א קינד א בעל כשרון, ספו ליה כתורא (בבא בתרא כא.), מען דארף ארייַנלייגן אין דעם קינד וויפיל מען קען.

**איך** האב געזעהן שטיין אין **דרש משה**, פון **רבי משה פיינשטיין ז"ל**. די גמרא (פסחים נ.) פארציילט, אז איינער פון די אמוראים וואס איז געווען זייער קראנק, איז שוין געווען אויבן אין הימל, און אין יענעם טאג איז ער געזונט געווארן. און מען האט אים געפרעגט, וואס ער האט געזעהן אויבן? האט ער געזאגט, אז ער האט געזעהן אויבן א עולם הפוך. ער האט געזעהן, אז עס איז געווען א פארקערטע וועלט. עליונים למטה ותחתונים למעלה, די וואס זענען געזיצען דא אויבן אן, די עליונים, זענען דארטן געזעסן אונטען. און די תחתונים, זענען געווען למעלה. האט ער אים געזאגט, ניין, דו האסט געזעהן דעם עולם ברור, דאס וואס דו האסט געזעהן דארט, איז די ריכטיגע וועלט.

**געוועגליך** טייטשט מען אפ, אז דער פשט אין די גמרא איז, אז די וועלט איז א פאלשע וועלט. די

עליונים זענען נישט קיין עליונים, זיי זיצן נישט אויפן ריכטיגן פלאץ. און די תחתונים זיצן אויך נישט אויף זייער ריכטיגע פלאץ. עס האט זיך אזוי אויסגעשטעלט, די האבן זיך ארויפגעזעצט אויבן, און די זיצן אונטען. און אויבן אין הימל האט ער געזעהן א עולם ברור, דארט האט ער געזעהן וואס דער אמת איז.

**זאגט** רבי משה ז"ל, ניין, די וועלט איז זיך נישט טועה. די עליונים זיצן אויבן אן דא אויף די וועלט, און די תחתונים, זענען תחתונים. אבער אין הימל איז דא אנדערע חשבונות פון וואס אונז טראכט מיר. דער וואס זיצט אויבן אן, איז א בעל כשרון, און וועגן דעם איז ער צוגעקומען, אז ער איז געווארן עליונים, אויף אים האט מען א תביעה אויבן אין הימל, דו וואלסט געקענט זיין אסאך און אסאך מער פון וויפיל דו ביסט צוגעקומען. דו ביסט דאך א בעל כשרון, דו ביסט עליונים, פארוואס ביסטו נאר צוגעקומען אזויפיל? דו וואלסט געדארפט צוקומען נאך מער. האט מען א תביעה אויף די עליונים, עטץ זענטס נישט קיין עליונים אין הימל, עטץ האטס נישט ערפילט וואס עטץ וואלטס געדארפט צו ערפילען. די תחתונים, זענען טאקע פשוטע מענטשן, זיי האבן נישט געקענט צוקומען און אויסוואקסן מער, אבער זיי האבן ערפילט וואס זיי האבן געקענט טון, און דאס האבן זיי געטון מיטן גאנצן הארץ, און אזוי געדינט דעם אייבערשטען. וואס א בעל הבית קען טון, האט ער געטון בשלימות. איז אויבן אין הימל זענען די תחתונים די עליונים. עס ווערט נישט געמאסטן עליונים מיט תחתונים וויפיל ער איז צוגעקומען, נאר וויפיל דו האסט 'געקענט' צוקומען. דער וואס טוט ערפילען וואס ער קען צוקומען, דער איז די עליונים. און ווער עס טוט נישט ערפילען דאס וואס ער האט געקענט צוקומען, דער איז די תחתונים. - און דאס האט ער אים געזאגט, דו האסט געזעהן א עולם ברור. פאר די עליונים קומט זיך נישט אז זיי זאלן זיצן עליונים, זיי האבן נישט אויסגענוצט וואס זיי האבן געקענט טון. די תחתונים האבן אסאך מאל אויסגענוצט דאס וואס זיי האבן געקענט טון, וועגן דעם קומט זיך זיי, צו זיין פון די עליונים.

**די** זעלבע זענען קינדער אויך. דער רבי קען געבן פאר יעדן קינד אייניג, ער מוז דאך לערנען מיט אלע קינדער די זעלבע. עס איז דאך א קלאס, עס איז א סיסטעם ווי דער סדר איז. אבער אז מען האט א קינד א בעל כשרון, דארף מען זעהן צוצונעמען איינעם וואס זאל מער לערנען מיט אים, ער זאל אים אויפארבעטן. ווען מען האט א שוואך קינד, נישט מוטשן ער זאל קענען וואס ער קען נישט. נאר וויפיל מען קען אנקומען, דארף מען זעהן אז ער זאל קענען אנקומען.

*

**איך** האב געוואלט זאגן א ווארט פאר רבי מרדכי יונה. דער אייבערשטער העלפט ב"ה, אזויפיל יארן וואס ער האט שוין מחנך געווען קינדער, דורות שלימים, עלטערן, צוויי דורות, דריי דורות, און מיט אזא פרישקייט, עס איז צו באוואונדערן די כוחות וואס ער לייגט אריין אין די קינדער.

**מען** געפונט די וואך אין די פרשה, די תורה הק' זאגט (במדבר ג-א), ואלה תולדות אהרן ומשה, און די תורה רעכנט נאר אויס די קינדער פון אהרן, ער רעכנט נישט אויס די קינדער פון משה. רש"י זאגט, אז די קינדער פון אהרן זענען אויך געווען משה'ס קינדער, ווייל ווען איינער לערנט תורה מיט בן חבירו, איז מעלה עליו הכתוב כאילו ילדו (סנהדרין יט:). טוט די תורה באטראכטן אהרן'ס קינדער, כאילו זיי זענען געווען משה רבינו'ס קינדער.

**איך** האב געזעהן אמאל א ווארט. ווען א מענטש לערנט תורה מיט א צווייטן, דארף ער באטראכטן, אז עס איז נישט יענעמ'ס קינד וואס איך לערן מיט אים תורה. יענעמ'ס קינד, ווען עס גייט גרינג, לערנט ער, און ווען עס גייט שווער, האט ער נישט קיין אחריות אויף יענעמ'ס קינד. ער דארף יעדן קינד באטראכטן, ווי דאס וואלט געווען מיין קינד. ווען דאס זאל זיין מיין קינד, דארף איך מיך אראפזעצן לערנען, איך וואלט נישט אויפגעהערט, איך וואלט געטון דאס מערסטע וואס איך קען, אריינצולייגן אין דעם קינד. אזוי דארף זיין א מלמד את בן חבירו תורה, אז מען לערנט מיט יענעמ'ס קינד תורה. דו לערנסט נישט מיט א בן חבירו, עס איז נישט יענעמ'ס קינד, נאר מעלה עליו הכתוב, די תורה לערנט אונז, אז מען דארף מעלה זיין, כאילו ילדו, טראכט אזוי ווי דאס איז דיין קינד. משה רבינו האט געלערנט תורה מיט יודען, האט ער באטראכט יעדן

יוד אז דאס איז מיין קינד, און פאר מיין קינד וואלט איך געוואלט ער זאל אויסוואקסן, און זיך אפגעגעבן די צייט, אויף וואס עס פעלט אויס דערפאר.

**רבי** מרדכי יונה דאס איז אלעס מעלה עליו הכתוב כאילו ילדו. און עס איז נישט נאר מעלה עליו הכתוב, נאר עס איז במציאות, ער גיט זיך אפ מיט יעדן קינד כאילו ילדו, ווי עס וואלט געווען אן אייגן קינד. איז נאר דא אזויפיל צו וואונטשן, דער באשעפער זאל געבן ווייטער אויך לאנגע געזונטע יארן, קענען מרחיב זיין די גבולי הקדושה. א עקסטערע הכרת הטוב פארן מנהל פון די תלמוד תורה, וואס לייגט אריין אזויפיל ארבעט, מיט אזויפיל חכמה, און אזויפיל איבערגעגעבנקייט, וואס יעדער וואס האט נאר א קינד אין תלמוד תורה ווייסט, אז וואס פאר א פראבלעם עס זאל נאר זיין, איז נישט אז ער הערט עס אויס, נאר עס איז כאילו ילדו, מען זוכט צו העלפן און אויפבויען, אזוי ווי פאר אן אייגן קינד.

**דער** אייבערשטער זאל אונז געבן, מיר זאלן אלע זעהן שמחות און נחת, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות. זיך קענען מדבק זיין ווייטער אויך, און אויסוואקסן ערליכע יודען, לא ימושו מפיך ומפי זרעך ומפי זרע זרעך. מען זיצט ב"ה דורות, צוויי דורות, דריי דורות פון די קינדער. זאל דער באשעפער געבן שמחות און נחת ביי זיי אלע, און מיר זאלן זוכה זיין אינאיינעם אקעגן צוגיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

אחר כך הגיע **רבינו שליט"א** לביתו החדש של הר"ר **יוסף באדאנסקי** הי"ו, וקבע מזוזה. אחר כך הסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבני המשפחה.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הוואכנאכט של נכדו, בן לחתנו **הרה"ג רבי ישעי' טירנויער שליט"א** (ר"מ בישיבתנו הק'), שהתקיים בבית המדרש סאמבאטהעלי. במשך שעות הלילה עברו המוני אנשי שלומנו וידידים וקרובי המשפחה, לאחל ברכת מזל טוב לבעלי השמחה ובראשם **כ"ק מרן רבינו שליט"א**.

*

***יום שני פרשת במדבר***

**רבינו שליט"א** התפלל תפלת שחרית בהיכל בית מדרשנו, יחד עם תלמידי הישיבה קטנה. עם סיום התפלה התקיימה שמחת הברית מילה לנכד **רבינו שליט"א**, בן לחתנו **הרה"ג רבי ישעי' טירנויער שליט"א**.

הסב **הגה"צ אב"ד שומרי שבת שליט"א** נתכבד בקוואטער. **כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א** נתכבד בסנדקאות. **כ"ק הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א** נתכבד במוהלות. **הגה"צ אב"ד שומרי שבת שליט"א** נתכבד בברכות וקריאת השם. ויקרא שמו בישראל 'יהושע', על שם זקינו **כ"ק הגה"צ אב"ד סאמבאטהעלי זצ"ל**. אחר הברית עברו כל הקהל לאחל ברכת מזל טוב לבעלי וראשי השמחה בעת שמחתם.

סעודת הברית התקיימה ברוב עם הדרת מלך, ובשירה וזמרה שבחו גאולים לרגל האי עידן חדוותא. – בהמשך הסעודה נשמעו דברים מאת אבי הבן **הרה"ג רבי ישעי' שליט"א**, ומאביו **הגה"צ אב"ד שומרי שבת שליט"א**.

בברכת המזון נתכבד **הגה"צ אב"ד בראשוב שליט"א**, ובאמירת 'הרחמן' חדב"ן **הרה"ג רבי אהרן ישעי' ראזנער שליט"א**. אחר ברכת המזון חילק **רבינו שליט"א** כוס של ברכה לכל קהל המשתתפים כנהוג.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך.

אחר השיעור נסע **רבינו שליט"א** לציון אביו **כ"ק הגה"צ אב"ד סאמבאטהעלי זצ"ל** בבית החיים בניו דזשערסי (לרגל היומא דהילולא ביום ערב שבועות, שחל ביום שבת קודש הבעל"ט). **רבינו שליט"א** הדליק נרות על הציון, ואמר מזמורי תהלים למשך זמן.

בשעות הערב התקיים בבית **רבינו שליט"א** מסיבת לחיים לרגל האירוסין של החתן **יצחק** נ"ו בן הר"ר **ישראל מרדכי ווייסבערג** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **משה גאלדבערגער** הי"ו.

*

***יום שלישי פרשת במדבר***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך

התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הדינער לטובת מוסדותינו הק' בבארא פארק, שהתקיימה באולם לעגעסי, ונשא מדברותיו (תוכן הדברות קודש נדפס בגליון 'דברי תורה').

*

***יום רביעי פרשת במדבר***

בשעות הערב הגיע **רבינו שליט"א** לסידור קידושין אצל החופה של החתן **פנחס מנחם** נ"ו בן הר"ר **לייב ראזענבערג** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **שמואל צבי פריעד** הי"ו, שהתקיים באולם פרדס פיגא.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל כתיבת האותיות בהספר תורה שנכתבה על ידי **הרב משה ראזענבוים שליט"א** (בן הגה"צ אב"ד נאנאש שליט"א), והתקיימה בבית המדרש נאנאש. **רבינו שליט"א** כתב אות בהספר תורה, והסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **יואל גאלדבערגער** הי"ו.

אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** להחתונה של בן הר"ר **לייב ראזענבערג** הי"ו, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום חמישי פרשת במדבר***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **יודל פאסטערנאק** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

אחר כך התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **יצחק מרדכי שטראהלי** הי"ו.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן הר"ר **שלמה שלום קליין** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש ע"י בית הר"ר **משה יוחנן מענדלאוויטש** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד בסנדקאות. אחר הברית הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** שטייט פאר קבלת התורה, אין די טעג האט דער אייבערשטער מציע געווען די תורה פאר יודען, און ער האט אנגעהויבן, ועתה אם שמוע תשמעו בקולי, ושמרתם את בריתי, והייתם לי סגולה מכל העמים (שמות יט-ה). רש"י זאגט, ועתה, כל התחלות קשות, עס איז שוועער אנצוהייבן. אבער אז מען הייבט אן, מכאן ואילך יערב לכם, פון יעצט און ווייטער וועט ענק זיין גרינגער. ועתה אם שמוע תשמעו בקולי, יעצט נעמטס אויף זיך דעם עול התורה, נאכדעם וועט זיין זיס דער וועג פון תורה. אין מדרש (מכילתא) שטייט, אז ושמרתם את 'בריתי' גייט ארויף אויף 'ברית' מילה. ושמרתם את בריתי, גייט ארויף אויף דעם ברית וואס דער אייבערשטער האט חותם געווען אין יודישע קינדער. וואס איז דער קשר אז ביי קבלת התורה זאגט מען, ועתה אם שמוע תשמעו בקולי, ושמרתם את בריתי.

**די** גמרא (שבת קל:) זאגט, כל מצוה שקיבלו ישראל עליהם בשמחה, יעדע מצוה וואס יודען האבן מקבל געווען מיט א שמחה, עדיין עושין אותה בשמחה, איז מען ווייטער אויך מקיים בשמחה. כגון מילה, מצות מילה האבן יודען מקבל געווען בשמחה, שש אנכי על אמרתך, כמוצא שלל רב (תהלים קיט-קסב) גייט ארויף אויף ברית מילה. מען האט זיך געפרייט כמוצא שלל רב, און וועגן דעם איז עדיין עושין אותה בשמחה. יעדע טאטע ברענגט אריין זיין קינד בבריתו של אברהם אבינו, מען איז מצער דאס קינד, און עס איז בגדר סכנה אפילו על פי חז"ל, און פון דעסטוועגן דאך טוט מען עס בשמחה. מען האט נישט קיין שום ווייטאג בשעת מען טראגט אריין א קינד בבריתו של אברהם אבינו, ווייל מען האט עס מקבל געווען בשמחה. כל מצוה שקבלו עליהם בקטטה, זאגט די גמרא, עדיין עושין אותה בקטטה.

**זעהט** מען אז אלעס איז תלוי ווי אזוי מען איז מקבל א זאך. ווען א מענטש איז מקבל א זאך, איך בין גרייט עס צו טון, אויב ער איז גרייט עס צו טון מיט א שמחה, בלייבט איבער די שמחה אויף דורי דורות. טאמער מען איז מקבל א זאך, אבער עס קומט אן

מיט קטטה, ער האט נישט קיין ברירה, מען האט ארויפגעצווינגען אויף אים. ער פאלגט טאקע, אבער דער קטטה בלייבט איבער אויף אלע דורות שפעטער. און די ראיה איז, אז מצות מילה איז אזוי, מען זעהט בחוש אז עדיין עושין אותה בשמחה, און עס האט נישט קיין הסבר, נאר ווייל עס איז געווען קבלו עליהם בשמחה, מען האט עס מקבל געווען. די מצוה איז א מוסר השכל, אז ביי יעדע זאך איז אזוי. ווען א מענטש נעמט אויף זיך א זאך, אויב די התחלה ביי אים, טוט ער עס מיט א שמחה, בלייבט איבער די שמחה אויף שטענדיג. אבער טאמער ער האט נישט קיין ברירה, מען האט עפעס ארויפגעצווינגען אויף אים, ער פאלגט, ער האט נישט קיין ברירה, אבער דאס איז נישט א זאך וואס וועט זיך האלטן שפעטער.

**מען** ווייסט וואס תוספות (חגיגה טו.) ברענגט צו, אז אחר איז געווען דער רבי פון רבי מאיר, און אחר איז יצא לתרבות רעה. שטייט אין תוספות, הפלא ופלא, וואס האט צוגעברענגט אז אחר איז יצא לתרבות רעה. ווייל אחר'ס טאטע איז געווען איינע פון די גרויסע לייט, און ווען ער האט געמאכט א ברית פאר דעם אחר, זענען זיך צוזאמגעקומען אלע תנאים, צו דעם ברית. און ווילאנג מען איז געזעסן ביי די סעודה, זענען רבי יהושע מיט רבי אליעזר אריין אין א שטוב, און זיי האבן זיך געזעצט לערנען. און זיי האבן געלערנט תורה מיט אזא קדושה, אז עס איז געווארן אזוי ווי א פיער וואס האט זיי ארומגענומען, אזוי ווי ביי מתן תורה. און דער בעל הבית האט געזעהן א פייער דארט, איז ער אריינגעגאנגען, און זיי האבן אים בארויגט, אז אונז לערנען תורה, און דאס איז נישט א פייער וואס פארברענט די הויז. האט ער געזאגט, אזוי?! תורה איז אזוי גרויס? דאס קינד וועל איך מגדל זיין לתורה. זאגט תוספות, אזוי ווי זיין כוונה איז נאר געווען, ווייל ער האט געזעהן דעם כבוד התורה. כאטש נישט יעדער וואס זעהט כבוד התורה, גיט אוועק א קינד פאר תורה, אבער עס איז געווען עפעס נישט לשם שמים אינגאנצן, האט עס צוגעברענגט דערצו, אז ער איז ארויסגעוואקסען שפעטער אחר. - זעהט מען די נקודה דערפון איז, ווי אזוי די התחלה פון א זאך איז, אזוי בלייבט עס אויף שפעטער.

**ביי** קבלת התורה האט דער אייבערשטער געזאגט, מען גייט מקבל זיין די תורה. און מען קען עס מקבל זיין אויף צוויי וועגן. מען קען עס מקבל זיין, כפה עליהם הר כגיגית (שבת פח.), מען האט נישט קיין ברירה. און מען קען עס מקבל זיין מיט שמחה. ועתה, אם שמוע תשמעו בקולי, אויב עטץ זענטס גרייט מקבל צו זיין די תורה מיט א שמחה, זאגען נעשה ונשמע, אזוי ווי זיי האבן טאקע געזאגט, מכאן ואילך יערב לכם, ווייל נאר די התחלה איז שווער. פון וואו האסטו די ראיה דערויף, ושמרתם את בריתי, קוק נאך ביי ברית מילה, זעהסטו אז עס איז עדיין עושין אותה בשמחה, עס איז שוין אזויפיל דורות פון אברהם אבינו ביז מתן תורה, און מען איז עס מקיים בשמחה. וואס איז די שמחה אז מען מל'ט א קינד? ווייל מען האט עס מקבל געווען בשמחה. פון דעם ווערסטו זיך אראפלערנען, און וויסן, אז מכאן ואילך יערב לכם, אז מען וועט עס מקבל זיין מיט א שמחה, וועט זיין מכאן ואילך יערב לכם.

*

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי **באור החיים הק'** בבית מדרשנו זכרון יהודא.

*

### ***שבת קודש פרשת במדבר – ערב שבועות***

ביום שבת קודש בקריאת התורה קרא **רבינו שליט"א** השם לבת הנולדה אצל הר"ר **ישעי' קיש** הי"ו. - לתפלת המוספין עבר **רבינו שליט"א** לפני התיבה, לרגל יומא דהילולא של אביו **כ"ק הגה"צ אב"ד סאמבאטהעלי זצ"ל** שחל ביום השבת. אחר התפלה התקיים קידושא רבא לכבוד השמחה, ולכבוד ההילולא.

בסעודת יום שבת קודש חילק **רבינו שליט"א** הסעודה לשנים, והתפלל מנחה בבית המדרש סאמבאטהעלי לפני התיבה. אחר תפלת מנחה נטל ידיו שנית לסעודה שלישית.

בשבת קודש לפנות ערב - סמוך לכניסת החג - דרש **רבינו שליט"א** דברי הכנה ליום הגדול, יום קבלת התורה. בתוך הדברים הרחיב **רבינו שליט"א** בגודל חיוב זכירת 'יום' אשר עמדת לפני ה' אלקיך בחורב, שמוטל עלינו לזכור תמונת כל אותו היום של המעמד, שההר היה בוער באש, חושך ענן וערפל, ויהי קול השופר חזק מאוד, עד שלא יכלו בני ישראל לסבול הפחד, כדי

שילמדו ליראה אותו כל הימים. ולא די בזה לבד, אלא צריך להודיע כל זאת גם לכל אחד מבני בניו, שכן צוה הכתוב (דברים ד-ט) והודעתם לבניך ולבני בניך. ומוטל על כל אחד להתבונן אם קיים מצוה זו כמצווה. והזמן גרמא לקיים זאת ביום מתן תורתנו, כאשר יושבים יחד עם הבנים ובני בנים.

בתוך הדברים הרחיב **רבינו שליט"א** במה שאמרו חז"ל (ויק"ר כב-א) שכל מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש, כולן נאמרו למשה מסיני, דכל הנשמות עמדו במעמד הנבחר, והשיגו אז על ידי משה רבינו, שנשמתו כוללת כל נשמות ישראל, כל מה שנוגע לנשמתם, לחדש ולהורות את בני ישראל.

וסיים בדברי הירושלמי (ראש השנה ד-ח), דלא הזכיר הכתוב 'חטאת' גבי שעיר של שבועות, דאמר הקב"ה כיון שקבלתם עליכם עול תורה, מעלה אני עליכם כאילו לא חטאתם מעולם ע"כ. ובאמת בפרשת אמור (ויקרא כג-יט) כתיב ועשיתם שעיר עזים לחטאת, וביאר רבינו שליט"א, דבמדבר שלא קידשו על פי הראיה (רבינו בחיי פ' בא), היה תמיד חג העצרת בששה בסיון, ואין זה יום שניתנה בו תורה, ושפיר צריכין שעיר לחטאת בעצרת. אמנם פרשת פנחס שנאמרה בשנת הארבעים במדבר, וחג העצרת יהיה על פי הראיה, וממילא יחול לפעמים חג העצרת ביום מתן תורה, ואז כיון שקבלו התורה, מעלה אני עליכם כאילו לא חטאתם.

* * *

***יום ראשון פרשת נשא – א' דשבועות***

לפני קריאת התורה נאמרה פיוט האקדמות על ידי **רבינו שליט"א** בקול רגש ומעורר הלבבות. – אחר התפלה ערך **רבינו שליט"א** הקרעפיל טיש לכבוד החג. אחר טעימה ממאכלי חלב וניגוני שמחה, השמיע **רבינו שליט"א** דברי דרוש ואגדה בענין מה שלא מלו ישראל עצמן במדבר, רק שבט לוי מסרו עצמם למילה. ובענין אי קבלו ישראל התורה בלי מילת בניהם הקטנים.

*

***יום שני פרשת נשא – ב' דשבועות***

בסעודת נעילת החג אחר זמן ממושך של זמירת ניגוני התעוררות, השמיע **רבינו שליט"א** מדברות קדשו בגודל קדושת החג, שנשלם אז גאולת מצרים שיצאו משיעבוד הגוף, ובקבלת התורה היתה גאולת הנפש. והרחיב במעלת מצות התורה שעושין, שמקבל בחזרה השפעות רבות בעולם הזה ובעולם הבא. - עם סיום הדברות הקודש עמד **רבינו שליט"א** לרקוד בניגוני שמחת התורה, וניגון לשנה הבאה בירושלים.

***וזה תוכן סיום הדברי תורה:***

**ווען** מען האט מקבל געווען די תורה פונעם אייבערשטען, האט דער אייבערשטער געזאגט נאכדעם פאר משה רבינו (דברים ה-כח), 'לך אמור להם', גיי זאג פאר יודען, 'שובו לכם לאהליכם', זיי זאלן זיך צוריק קערן יעדער צו זיין געצעלט, זיי זאלן צוריק אהיים גיין. אין פשטות איז דער ביאור, דער אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו, יודען זענען געווען ביי מתן תורה, מען האט מקבל געווען די תורה מיט אזא שמחה, אז מען האט אזא זכיה, מקבל צו זיין די תורה. און מען האט זוכה געווען צו זעהן מראות אלקים, ווי אזוי דער אייבערשטער איז אראפגעקומען אויפן בארג סיני. יעצט זענען זיי אין זייער א הויכע מדריגה, עס קומט נישט אין חשבון צו טון אן עבירה, עס קומט נישט אין חשבון צו ליגן אין גשמיות, ווען מען זיצט ביים בארג סיני. שובו לכם לאהליכם, פירטס אריבער אלעס וואס עטץ האטס געהאט דא, לאהליכם, אין ענקער געצעלט. יעצט זענט עטץ טאקע אין א הויכע מדריגה, לאזט עס נישט דא ביים בארג סיני, לאזט נישט איבער די דערהויבענקייט וואס עטץ האטס געהאט. שובו, טוטס איבערפירן, לכם, צו ענק, לאהליכם, צו ענקערע געצעלטן, פירטס אריבער די קדושה וואס מען האט זוכה געווען מקבל צו זיין. די דערהויבענקייט וואס מען האט געהאט ביי מתן תורה, זאל נישט בלייבן דא, נאר שובו לכם לאהליכם, דאס זאלט עטץ אריבערפירן צו ענק אין די שטובער, אז די שטובער זאלן זיין מיט אזא קדושה, און אזא הייליגקייט, אזוי ווי עס איז געווען ביי קבלת התורה. דעם טאג פון קבלת התורה, האט דאך יעדער געהאט גוטע מחשבות, מקבל צו זיין די תורה פון דאסניי. מען גייט אריין אין אזא לאנגען זומער, מען גייט אריין אין וואכענדיגע טעג, דארף מען אריבערפירן דעם לכם, לאהליכם, אין ענקער געצעלט.

**און** דער אייבערשטער האט געזאגט, שובו 'לכם' לאהליכם. תורה איז נישט נאר לערנען, און דאווענען, און טון מצות ומעשים טובים. נאר אלע

גשמיות פון א יוד, דארף זיין אויסגעשטעלט על פי תורה. בכל דרכך דעהו (משלי ג-ו), נמצא עובד את בוראו תמיד (שו"ע או"ח סימן רלא). א יוד קען דינען דעם אייבערשטען פון ווען ער שטייט אויף, ביז ער לייגט זיך. אפילו ווען ער דרייט זיך אין די גאסן פאר געשעפטן וכדומה, און ער עסט, און טרינקט, און שלאפט, ער טוט אלע זיינע צרכי גשמיות, קען ער זיין א עובד את בוראו תמיד, ער קען דינען דעם אייבערשטען שטענדיג! אלעס ווענדט זיך אין די כוונה! אויב א מענטש האט א כוונה ערליך, ער טוט עס וועגן דעם, כדי ער זאל קענען דינען דעם אייבערשטען, ווערט אלעס נתעלה פאר אן עבודת ה'. ער קען זיך אראפזעצן צו א פרישטיג, און עסן כדי צו האבן כח איך זאל קענען טון וואס איך דארף צו טון, ווערט עס גערעכנט ווי אן עבודת ה'. מען זיצט א גאנצן טאג אין דער ארבעט, מען גיט אכט אויף דעם וועג ווי אזוי מסחר דארף צו גיין. מען רירט נישט צו, צו יענעמ'ס געלט, און אלעס איז אויסגעהאלטן ערליך, איך זאל האבן געלט צו טון צדקה, איך זאל קענען מגדל זיין מיינע קינדער, עס זאל זיין א רואיגע שטוב. אויב דאס איז זיין כוונה, איז ער עובד את בוראו תמיד. שובו לכם, מען דארף נעמען דעם 'לכם', און מען דארף עס אריבערפירן, לאהליכם, צוריק צו ענקערע געצעלטן.

**דער** אייבערשטער האט געזאגט שובו לכם לאהליכם. די גמרא (שבת פח.) זאגט, אז ביי מתן תורה האט דער אייבערשטער געגעבן פאר יעדן יוד, שני כתרים. איינס פאר נעשה, און איינס פאר נשמע. און ווען מען האט געזינדיגט, זענען געקומען די מלאכים, און מען האט צוגענומען די כתרים. וכולן נטלן משה, משה רבינו האט גענומען די אלע כתרים, און פון דעם איז געווען דער קירון עור פניו, ווייל די כתרים איז געווען א ליכטיגקייט פון זיו השכינה, און משה רבינו האט דאס צוגענומען, איז געווען קרן עור פניו, דער פנים האט אים געלאכטן.

**די** גמרא דרש'נט, פון וואו ווייסט מען אז משה רבינו האט איבערגענומען די אלע כתרים. ווייל עס שטייט אין פסוק (שמות לג-ז) ומשה יקח את האוהל, משה רבינו האט גענומען דעם אהל. איז דא צוויי פשטים אין רש"י. איינס ווייל עס שטייט אין פסוק פאר דעם (שם לז-ו), ויתנצלו בני ישראל את עדים מהר חורב, מען האט אראפגענומען די עדים, ומשה יקח, און משה האט עס גענומען. די צווייטע פשט זאגט רש"י, אוהל איז א לשון פון ליכטיגקייט, שיינען, בהילו נרו עלי ראשי (איוב כט-ג). ומשה יקח, משה רבינו האט גענומען, את האוהל, די ליכטיגקייט וואס איז געווען אויף יודען, די שני כתרים, האט משה גענומען, ער האט באקומען די גאנצע ליכטיגקייט. - קומט אויס, אז אוהל ווערט אנגערופן פון לשון ליכטיגקייט, ומשה יקח את האוהל.

**דער** אייבערשטער האט געזאגט, יעצט ווען עטץ זענטס דא ביים בארג סיני, איז עס לאהליכם, יעדער יוד לייכט דא, יעדער יוד איז אין א הויכע מדריגה, מען האט זוכה געווען מקבל צו זיין די תורה. אבער מען דארף זעהן שובו לכם לאהליכם, ווען מען גייט צוריק צו ענקערע געצעלטן, נעמטס מיט דעם לאהליכם, אלעס וואס מען האט זוכה געווען ביי מתן תורה, זאל מען מיטנעמען מיט זיך, דעמאלטס וועט מען זיך קענען פירן ערליך, און מען וועט האבן דעם זמן מתן תורתינו א גאנץ יאר מיט זיך.

**עס** קען זיין בדרך רמז, מען זאגט אין די שירה (שמות טו-ט), אמר אויב ארדוף אשיג אחלק שלל, תמלאמו נפשי, אריק חרבי תורישמו ידי. אין הייליגע ספרים שטייט, אמר אויב, גייט ארויף אויפן יצר הרע, אויף דעם אויב, ער זאגט, ארדף, איך וועל נאכיאגן נאכן יוד, אשיג, און איך וועל אים דערגרייכן. זאגט מען אבער, איך האב אן עצה קעגן דעם אויב, אחלק שלל, איך וועל נעמען דעם של"ל, און איך גיי עס צוטיילן. ווען מען עפענט אויף דעם ווארט 'שלל', איז עס ש' ל' ל', די נוטריקון איז ש'ובו ל'כם ל'אהליכם. אחלק שלל, איך וועל צונעמען דעם שלל, איך וועל נעמען דעם ש'ובו ל'כם ל'אהליכם, איך גיי מיטנעמען צו מיר אין שטוב אריין, אלעס וואס איך האב געהאט ביי מתן תורה. די גאנצע מעמד הר סיני וועט מיטלעבן מיט מיר שפעטער. אחלק שלל, מיט דעם וואס איך וועל צוטיילן דעם שלל, דעם ש'ובו ל'כם ל'אהליכם, תמלאמו נפשי, וועל איך מיך מיט דעם אנפילן מיין נפש, איך וועל זיך קענען מתגבר זיין אויפן יצר הרע, אריק חרבי תורישמו ידי. - דאס איז דער שובו לכם לאהליכם, וואס מען האט מקבל געווען ביי מתן תורה, דארף מען זעהן מיטצונעמען מיט זיך אויפן יאר, צו דינען דעם אייבערשטען.

*

**די** פסוק (משלי ג-יד) זאגט, כי טוב סחרה מסחר כסף, די סחורה פון תורה, איז בעסער פון שכר כסף, פון האנדלען. עס איז דא סחורה וואס מען פארדינט דערויף געלט, און עס איז דא סחורה פון תורה. און ער זאגט, אז די סחורה פון לומדי תורה, דאס איז טוב סחרה, דאס איז א בעסערע סחורה, פון שכר כסף. אין מדרש שטייט שוין פארשידענע אויסדרוקן דערויף, וואס ער וויל ארויסברענגען מיט דעם כי טוב סחרה מסחר כסף.

**בפשטות** קען זיין. וואס הייסט א גוט געשעפט? א גוט געשעפט איז טייטש, אז א מענטש שטעקט איין אין עפעס, און לויט די רווחים וואס דאס ברענגט, לויט דעם ווערט גערעכנט צו עס איז א גוטע געשעפט, צו נישט. ברענגט עס פופציג פראצענט פון וואס ער האט איינגעשטעקט, איז עס א גוטער אינוועסטמענט. ווען עס איז ווייניגער, איז עס נישט גוט. און אז עס ברענגט הונדערט מאל אזויפיל, צו טויזענט מאל אזויפיל, ווי מער עס ברענגט, איז עס אלץ בעסער. - צו מעסטן וואס די טיפ פון די סחורה איז, מעסט מען וויפיל ער באקומט נאכדעם צוריק, אויף דעם וואס ער האט אינוועסטירט.

**דער** אייבערשטער האט אונז געגעבן די תורה, דער אייבערשטער רופט אן די תורה (משלי ד-ב), כי לקח טוב נתתי לכם, איך האב ענק געגעבן א לקח טוב. אויסענווענדיג קען זיך דאכטן פאר א מענטש, אז די תורה איז געגעבן געווארן באפעלן פאר א יוד, וואס ער האט צו טון. עס איז א ספר פון געזעצן, דאס מעגסטו טון, און דאס טארסטו נישט טון. א מענטש איז צוגעבונדן צום אייבערשטען פון צופרי ביז ביינאכט, מיט וואס ער דארף אלץ געבן פארן אייבערשטען. דו דארפסט דאווענען, דו דארפסט לערנען, דו דארפסט געבן צדקה, דו דארפסט גיין מיט ציצית, אנטון תפילין. דא טארסטו נישט גיין, און דאס טארסטו נישט טון. עס קוקט עפעס אויס, ווי אונז געב מיר פארן אייבערשטען. דאווענען. איך האב אוועקגעגעבן א שעה פארן אייבערשטען. ער לערנט, האט ער אוועקגעגעבן א שעה פארן אייבערשטען. דו האסט אוועקגעגעבן פאר'ן אייבערשטען? דו באקומסט אסאך און אסאך מער, פון וואס דו האסט אוועקגעגעבן פארן באשעפער! דאס וואס דער באשעפער צאלט דיר צוריק, איז א קלייניגקייט אקעגן דעם וואס דער מענטש האט אינוועסטירט און אוועקגעגעבן פארן אייבערשטען. דו האסט אוועקגעגעבן פארן אייבערשטען א פאר צענט, דו האסט אים אוועקגעגעבן שעות פון דיין ארבעט, וויפיל האסטו פארדינט דערויף? דער אייבערשטער באצאלט דיר צוריק מיט שכר עולם הבא, וואס אויף שכר עולם הבא זאגט די משנה (אבות ד-יז), יפה שעה אחת קורת רוח בעולם הבא מכל חיי עולם הזה, דער אייבערשטער באצאלט צוריק, אויף וואס דו האסט געטון. דו באקומסט אסאך און אסאך מער! דאס איז א אינוועסטמענט וואס א מענטש טוט, וואס מען קען גארנישט באצאלן, די קלייניגקייט וואס ער האט אינוועסטירט, און וויפיל ער באקומט צוריק שפעטער. דאס איז אין עולם הבא.

**און** וואס איז אויף די וועלט? כי אורך ימים ושנות חיים ושלום יוסיפו לך (משלי ג-ב), אורך ימים בימינה ובשמאלה עושר וכבוד (שם ג-טז), תורה ברענגט אורך ימים, תורה ברענגט אריכת ימים, עס ברענגט געזונטע טעג. תורה ברענגט עושר וכבוד. אלע ברכות ליגט אין תורה. א מענטש מיינט ווען ער טוט עפעס, אז ער האט געגעבן פארן אייבערשטען. דו האסט נישט געגעבן, דו האסט אינוועסטירט אין א געשעפט וואס גייט דיר צוריק ברענגען אסאך און אסאך מער פון וואס דו האסט אינוועסטירט דערין. ווען א מענטש אינוועסטירט געלט ביים חבר, איז נישט אז ער האט אוועקגעגעבן געלט, נאר ער פארדינט געלט. ער גיט עס אוועק, כדי ער זאל באקומען עפעס. די תורה וואס דער אייבערשטער האט אונז געגעבן, איז נישט אז אונז געב מיר פארן אייבערשטען, נאר די תורה וואס דער אייבערשטער האט אונז געגעבן, האט ער אונז געגעבן א געלעגענהייט, ווי אזוי אונז זאל מיר קענען נעמען פונעם אייבערשטען. כי לקח טוב נתתי לכם, די תורה וואס איך האב ענק געגעבן, איז נישט די מצוות ומעשים טובים וואס דו זאלסט טון, און געבן פארן אייבערשטען. עס איז א לקח, דו גייסט נעמען. פאר יעדע זאך וואס דו גייסט טון פארן אייבערשטען, וועט דיר דער אייבערשטער צוריק צאלן אסאך און אסאך מער!

**ווען** משה רבינו איז ארויפגעגאנגען מקבל זיין די תורה, זאגט דער פסוק (תהלים סח-יט), עלית למרום, שבית שבי, לקחת מתנות באדם. די גמרא (שבת פט.)

דרש'נט, אז ער האט דעמאלטס באקומען מתנות פון די מלאכים. לקחת מתנות באדם, דו האסט באקומען מתנות, דער אייבערשטער האט דיר געגעבן א מתנה. תורה איז א מתנה, ער האט דיר געגעבן א געלעגענהייט ווי אזוי דורכדעם קענסטו צוקומען צו חיי עולם הזה, און צו חיי עולם הבא. עס איז נישט אז דו געבסט פארן אייבערשטען, נאר דו נעמסט פונעם אייבערשטען. עס איז אזוי ווי א מענטש אינוועסטירט אין א סחורה, כדי ער זאל עס קענען שפעטער פארקויפן, און ארויסנעמען דערפון. דאס איז תורה ומצוות. אוודאי דארף נישט א יוד טון וועגן דעם, אבער סוף כל סוף דאס איז דער מציאת הדברים, אז תורה איז א לקח טוב. כי טוב סחרה מסחר כסף, עס איז נישט דא נאך אזא געשעפט וואס א מענטש קען אזויפיל פארדינען דערפון, וויפיל ער פארדינט פון די סחורה פון תורה. ווייל אויף יעדע מצוה וואס ער טוט, פארדינט ער אסאך און אסאך מער.

*

**דער** מדרש (ויק"ר לד-ח) זאגט ענדליך דערצו. ווען א יוד גיט צדקה, יותר ממה שבעל הבית עושה עם העני, העני עושה עם הבעל הבית. מער וויפיל א מענטש טוט מיטן עני, טוט דער עני מיטן בעל הבית. א מענטש גיט פארן עני א נדבה, ער באקומט צוריק אסאך און אסאך מער פון דעם עני, סיי אין עולם הבא און סיי אין עולם הזה, וואס דער אייבערשטער באצאלט אויף צדקה וואס א מענטש האט געגעבן. א מענטש גיט אוועק? עס איז נישט אוועקגעגעבן. ווען דו האסט געגעבן פאר אן עני, האסטו אינוועסטירט,

**און** דער מדרש דרשנ'ט עס פון א פסוק אין רות (רות ב-יט). ביי רות שטייט, אז זי האט געקלויבט ביי בועז אין פעלד, און ווען זי איז אהיימגעקומען, האט איר נעמי געפרעגט, וואו זי איז געווען היינט? האט זי געענטפערט, שם האיש אשר עשיתי עמו היום, דער מענטש וואס איך האב געטון מיט אים, הייסט בועז. זאגט דער מדרש, אשר עשיתי עמו? דו האסטו געטון מיט אים? ער האט געטון מיט דיר! דו האסט גענומען שעורים פון זיין פעלד, און דו האסט עס אהיימגעברענגט. וואס האט זי געזאגט, האיש אשר עשיתי עמו? זאגט דער מדרש, זי האט געזאגט, איך האב מיט אים אסאך און אסאך מער געטון, פון וויפיל ער האט געטון מיט מיר. ער האט מיר געגעבן א פעקל שעורים, און איך האב אים געגעבן חיי עולם הזה, איך האב אים געגעבן חיי עולם הבא, מיט דעם וואס ער האט מיך מחיה געווען. שם האיש, דער נאמען פון דעם מענטש, אשר עשיתי עמו, וואס איך האב געטון מיט אים. נישט ער האט געטון מיט מיר, נאר איך האב געטון מיט אים.

**מען** זעהט, ווען די תורה רעדט פון געבן צדקה, זאגט די תורה א דאפעלטן לשון, נתון תתן (דברים טו-י), פתוח תפתח את ידך (שם טו-ח). וואס איז דער דאפעלטער לשון? די גמרא דרש'נט, אז מען דארף געבן אפילו מאה פעמים. אויף מאה פעמים דארף שטיין יתן ויחזיר ויתן. וואס איז דער 'נתן תתן'? די תורה זאגט אונז, ווען דו געבסט צדקה פאר אן עני, תתן, דו געבסט אים? זאלסט וויסן עס איז דא נאך א נותן דא, עס איז דא נאך א געבער דא. דו געבסט פאר אים, אבער ער גיט פאר דיר אויך. ווען ער גיט אוועק פאר יענעם, איז נישט איך האב אוועקגעגעבן, נאר איך גיי יעצט צוריק באקומען, ווייל דער אייבערשטער איז נאמן לשלם אויף וואס דו האסט געטון. נתן תתן, פאר יעדן תתן וואס דו געבסט, איז דא נאך א נותן, נאך איינער וואס גיט דיר. ביי יעדן פתח תפתח את ידך, ביי יעדע פתיחה ווען דו געבסט אוועק מיט דיין האנט פאר יענעם, עפענסטו אויף דיין האנט, אז דו זאלסט קענען באקומען פון יענעם.

**און** דאס איז נישט נאר ביי צדקה, נאר ביי יעדע מצוה וואס א יוד טוט פארן אייבערשטען, איז די זעלבע נקודה. א מענטש מיינט, ער גיט אוועק צייט, ער גיט אוועק כח און טירחא פארן אייבערשטען. דו האסט אוועקגעגעבן? אויף דעם ארויף ביסטו געזונט, און דו האסט נישט קיין פראבלעמען אין שטוב. וועגן דעם זענען דיינע קינדער געזונט, וועגן דעם זעהסטו נחת ביי די קינדער, וועגן דעם האט מען דיר אוועקגענומען עגמת נפש אין די געשעפטן וואס דו וואלסט געקענט האבן. ווען א מענטש טוט וואס דער אייבערשטער הייסט, נישט ער האט געטון, ער באקומט צוריק.

**דער** פסוק (משלי ל-כ) זאגט, ווען ער רעדט פון די מעלה פון צדקה, כפה פרשה לעני, וידיה שלחה לאביון. לא תירא לביתה משלג, כי כל ביתה לבוש

שנים. דער מדרש זאגט, אל תקרא שנים (בקמץ) אלא שנים (בשוא). כפה פרשה לעני, ווען זי שטרעקט אויס איר האנט פאר דעם עני, וידיה שלחה לאביון, און זי גיט אוועק פאר יענעם, איז כי כל ביתה לבוש שנים, זי ווייסט אז עס איז דא צוויי נתינות, זי ווייסט אז עס איז דא א נתון מיט א תתן. אז ווען איך געב, נעם איך אויך. עס איז נישט נאר איך האב אוועקגעגעבן פאר יענעם. איך האב אוועקגעגעבן, און איך באקום אויך.

**דאס** דארף א מענטש וויסן פאר זיך. אז וואס ער טוט פארן אייבערשטען, צו ער גיט צדקה פאר א צווייטן, וואס ער טוט פארן באשעפער, גיט מען נישט פארן אייבערשטען! עס איז לקח טוב, א יעדע זאך וואס דו האסט געגעבן, באקומסטו צוריק אסאך און אסאך מער, פון דעם וואס דו האסט געגעבן פארן באשעפער.

*

**און** ווען עס קומט צו נתינת צדקה, דארף מען אויך געבן די הרגשה פאר דעם עני, אז איך בין נישט דער נעמער, איך בין דער געבער. איך האב א זכיה, אז איך קען דיר העלפן, ווייל איך באקום פון דיר צוריק אסאך און אסאך מער פון דעם וואס איך האב באקומען פאר דיר.

**רות** האט געזאגט, שם האיש אשר עשיתי עמו, דער מענטש וואס איך האב געטון מיט אים, איך האב מיט אים מער געטון, ווי ער האט מיר געטון. אזוי רעדט מען ווען זי פארציילט פאר נעמי? וואו איז די הכרת הטוב? עס איז גארנישט. ער האט מיר נישט געגעבן, איך האב אים געגעבן?

**דער** פשט איז, ווען זי איז געקומען אין פעלד, האט בועז איר אזוי אויפגענומען, כאילו זי טוט א טובה פאר בועז אז זי נעמט! ער האט איר געגעבן אזא געפיל, אז יותר ממה שבעל הבית עושה עם העני, העני עושה עם הבעל הבית. ווען זי איז אהיימגעקומען, האט זי פארציילט, דער מענטש וואו איך האב יעצט געארבעט, ביי דעם בועז, ער האט מיר געגעבן דעם געפיל בשעת איך האב גענומען, אז איך בין דער וואס טוט מיט אים, נישט וואס ער טוט מיט מיר.

**עס** שטייט אין די גמרא (פסחים ח.), האומר, ווען איינער גיט א סלע לצדקה, או ער זאגט, בשביל שיחיה בני, אדער כדי ער זאל זיין א בן עולם הבא, זאגט די גמרא, איז ער א צדיק גמור. עס שטייט אין הייליגע ספרים, אז עס שטייט נישט 'הנותן', ווען מען גיט א סלע לצדקה איז ער א צדיק גמור, נאר 'האומר'. עס איז דא אמאל וואס דער עני קומט נאך א סלע, און ער זאגט פאר דעם עני, איך געב דיר דעם סלע, אבער איך 'געב' דיר נישט. איך דארף א ישועה, א קינד איז מיר נישט געזונט, ער זאל האבן א ישועה. מיין קינד איז געזונט, און ער זאל בלייבן געזונט. איך וויל זוכה זיין צו עולם הבא. ער גיט דעם געפיל פאר דעם עני, אז נישט איך געב פאר דיר, נאר איך באקום יעצט פון דיר צוריק אסאך מער! האומר, ווען ער זאגט עס, ער איז מפייס דעם עני, און ער זאגט אים, איך געב דיר עס בשביל שיחיה בני, אדער שאהיה בן עולם הבא, דער איז א צדיק גמור. - און דאס איז געווען ביי בועז. בועז האט געגעבן דעם געפיל פאר רות, אז אשר עשיתי עמו, ער איז דער מענטש וואס איך האב געטון מיט אים.

**וועגן** דעם ענדיגט דער פסוק, פיה פתחה בחכמה, זי עפענט איר מויל, און זי זאגט מיט חכמה, וואס זאגט זי מיט חכמה? ותורת חסד על לשונה, אויף איר צינג ליגט, דאס וואס די תורה שרייבט ביי חסד, נתן תתן, פתוח תפתח, דער לבוש שנים (בשוא), דאס איז על לשונה, דאס זאגט זי פארן עני, איך געב דיר נישט, נאר דו געבסט פאר מיר. – און אזוי דארף צו זיין בשעת א יוד טוט א מצוה פארן אייבערשטען. יעדע מצוה וואס א יוד טוט, איז נישט אז דו געבסט פארן אייבערשטען, נאר דו נעמסט אסאך מער פון וויפיל דער אייבערשטער האט גענומען פון דיר. עס איז א אינוועסטמענט וואס א מענטש טוט, כדי ער זאל קענען האבן אסאך מער.

**ווען** א מענטש ווייסט דאס, אז ער האט קיינמאל נישט קיין שאדן. ער האט נישט קיין שאדן ווען ער דאווענט מיט מנין, און ער האט נישט קיין שאדן ווען ער גייט אריין שפעטער אין געשעפט, ווייל די תורה האט אים נישט געלאזט אריינגיין. צו אמאל קומט אויס אין געשעפטליך, אז ער דארף מוותר זיין פאר יענעם, ווייל די תורה הייסט אזוי צו טון. וואס א מענטש טוט פארן אייבערשטען, וועט ער נישט קיין

שאדן האבן! אין אדם שומע לי ומפסיד (דב"ר ד-ה), אזוי דארף זיין קבלת התורה. אונז האב מיר מקבל געווען די תורה, עס איז א 'לקח טוב', אונז נעם מיר! אונז געב מיר נישט פארן אייבערשטען! אונז געב מיר, אבער אויף דעם וואס אונז געב מיר, באקומען מיר אסאך און אסאך מער. און דעמאלטס איז תורתי אל תעזובי, דעמאלטס וועט א מענטש נישט איבערלאזן די תורה. א מענטש קען איבערלאזן די תורה, ווייל ער מיינט אז די תורה קאסט אים. אבער ווען ער ווייסט אז מיט די תורה פארדינט ער, דער לאזט נישט איבער קיין תורה. ווען ער ווייסט אז די תורה איז א 'לקח' טוב, איך געב נישט, איך נעם, דעמאלטס איז תורתי אל תעזובי, לאזט מען נישט איבער די תורה.

**און** ווי מען האט פריער גערעדט, ביי מתן תורה איז געווען, נישט נאר וואס מען האט מקבל געווען די תורה, עס איז געווען די יציאת מצרים בשלימות. אונז זענען ארויסגעגאנגען פון די טומאה, פון די ויתערבו בגוים וילמדו מעשיהם, וואס מען האט זיך געהאט אפגעלערנט פון די אומות העולם, און עס איז געווען נחקק אין נפשות ישראל. אני אמרתי אלקים אתם, ובני עליון כולכם, ווען עס קומט שבועות האט א מענטש אן עליה פון דעם חלק וואס ער האט זיך געהאט אנגעקלעפט פון טומאת מצרים.

**דער** אייבערשטער זאל געבן, מען זאל קענען מיטנעמען מיט זיך די אלע השפעות טובות וואס דער יום טוב האט געברענגט. עס ווערט נתעורר אלעס וואס איז געווען דעמאלטס, מען איז געווען דעמאלטס אין אזא הויכע מדריגה, וואס דער אייבערשטער האט זיך באוויזן פארן כלל ישראל, און יעדער האט זוכה געווען נהנה צו זיין פונעם זיו השכינה, וואס מען האט זוכה געווען ביי מתן תורה. מען זאל דאס קענען מיטנעמען, און שפירן די בא'טעמט'קייט, פון טעמו וראו כי טוב ה'! תורה איז נישט קיין עול, תורה איז טעמו וראו, מען דארף שפירן דעם טעם, און זעהן, כי טוב ה', די גוטסקייט וואס דער אייבערשטער גיט פאר אונז. אונז האב מיר א זכיה אז דער אייבערשטער האט אונז געגעבן די תורה. און אונז האב מיר א זכיה, יעדע מצוה וואס מען טוט, שפירן נישט איך געב פארן אייבערשטען, נאר איך נעם יעצט פונעם אייבערשטען. און דעמאלטס וועט א מענטש זיך נישט צוריקהאלטן פון צו טון קיין שום דבר טוב, ווייל ער ווייסט, אז וואס ער טוט, באקומט ער פונעם באשעפער.

**זאלן** מיר זוכה זיין צו די אלע השפעות טובות, אורך ימים בימינה ובשמאלה עושר וכבוד. עס שטייט אין די גמרא (שבת פט:), אז ווען מען איז אהיימגעגאנגען פון מתן תורה, זענען אלע יודישע שטובער געבענטשט געווארן, אלע זענען נפקד געווארן מיט א בן זכר. הר פארן (דברים לג-ב), שפרו ורבו עליה. די וואס דארפן האבן קינדער, די וואס דארפן האבן נחת פון קינדער, - האבן קינדער און נישט זעהן קיין נחת פון זיי, האט מען נישט גארנישט פון די קינדער. - אז דער אייבערשטער גיט קינדער, זאל דער אייבערשטער געבן אזעלכע קינדער וואס מען זאל זעהן ביי זיי נחת. און קענען זיי ערציען לתורה ולחופה ולמעשים טובים, און מיר זאלן אלע זוכה זיין אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

***<u>יום שלישי פרשת נשא</u>***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** למאנסי לסידור קידושין אצל החופה של החתן **שלום** נ"ו בן הר"ר **מרדכי פריש** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **צבי פליגמאן** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת טשארנא.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן **הרה"צ רבי דוד מאיר לייפער זצ"ל** (חתן הגה"צ אב"ד טאלטשווא שליט"א), עב"ג בת **הרה"ג רבי יואל פישער שליט"א**, שהתקיים באולם ויואל משה. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

כמו כן השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **אברהם שיפף** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **לוי מערץ** הי"ו, שהתקיים באולם קאנטינענטאל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום רביעי פרשת נשא***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **נתן גראזינגער** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

*

***יום חמישי פרשת נשא***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור השבועי **באור החיים הק'**.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי **באור החיים הק'** בבית מדרשנו זכרון יהודא.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **ישעי' בויער** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **אברהם דניאל לעבאוויטש** הי"ו, שהתקיים באולם תפארת מרדכי. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

***ערב שבת קודש פרשת נשא***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **יהודא אברהם שטיין** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

*

***שבת קודש פרשת נשא***

אחר התפלה השתתף **רבינו שליט"א** אצל הקידושא רבא לרגל שמחת העליה לתורה של בן הר"ר **אהרן הערש בלווישטיין** הי"ו (ראה"ק דביהמ"ד סאמבטהעלי), שהתקיים בבית המדרש סאמבאטהעלי.

בדרשת פרקי אבות, בסיום הדברים, עורר **רבינו שליט"א** להשתתף **בכינוס כלל ישראל** לנשים, שנתארגנו על ידי קהלות הקדושות, לעורר על פגעי הזמן בדברים שצריכין חיזוק. ומוטל על כל אחד לעורר בני ביתו הנשים והנערות הגדולות ליקח חבל במסיבה זו. והאנשים יעמדו לעזור בבית על השעות הללו שאם הבנים עוזבות את הבית. ובזכות זה נזכה לראות בקרוב בישועתן של ישראל, בביאת בן דוד.